בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת ויצא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

## שבת קודש פרשת ויצא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן סימן סח.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:

## רבי נתן זכרונו לברכה זאגט:

"הִזְהִיר מְאֹד כַּמָּה פְּעָמִים", דער רבי האט אונז זייער געווארנט אסאך מאל, "עַל עִנְיַן הַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", אז מיר זאלן זיך פירן מיט דעם הנהגה פון שמועסן מיט'ן אייבערשטן, "שֶׁכָּל אָדָם יְדַבֵּר וְיָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", יעדער איינער זאל רעדן און שמועסן מיט'ן אייבערשטן, שטילערהייט צווישן זיך אינעם אייבערשטן. "וְיֵישֵׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב", און דער מענטש זאל זיך גוט בארעכענען, "מַה הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם הַזֶּה", וואס טו איך דא אויף דער וועלט, "וִירַחֵם עַל עַצְמוֹ", ער זאל רחמנות האבן אויף זיך, "וְיִפְרֹשׂ כַּפָּיו", און ער זאל אויפהייבן זיינע הענט, "בְּתַחֲנוּנִים וּפִיּוּסִים", מיט געבעט, "לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ", דער מענטש זאל בעטן דעם אייבערשטן אויף אלע סארט וועגן, "שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו הַמְּרֻבִּים", אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן, "לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אים צו מקרב זיין ער זאל שוין קענען דינען דעם אייבערשטן, "וְיִשְׁתַּדֵּל לְהַמְצִיא לוֹ טְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת עַל זֶה", און דער מענטש זאל טרעפן טענות אויף דעם.

## ברסלב'ער חסידות

אויף דעם שיחה באשטייט די גאנצע ברסלב'ער חסידות; דער רבי האט זייער אסאך גערעדט דערפון, דער רבי האט געוואלט מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן, מען זאל בעטן דעם אייבערשטן און נישט

אפלאזן דעם אייבערשטן.

## זאגט דער רבי ווייטער:

"וְעִנְיַן שִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ", דאס זאל מען טון אויף אידיש, אין דעם שפראך וואס מען איז צוגעוואוינט צו רעדן, "וּכְבָר מְבֹאָר זֹאת בַּסְּפָרִים הַנִּדְפָּסִים (לִקּוּטֵי תְּנְיָנָא, סִימָן כה)", אזוי ווי עס שטייט שוין אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב, סימן כה). "אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה, הַרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט מיט אונז פון דעם ענין, "כִּי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ בְּכָל יוֹם", ווייל א מענטש וואס וועט זיך פירן מיט דעם הנהגה יעדן טאג, "עַל־כָּל־פָּנִים שָׁעָה אַחַת", ער וועט נעמען א שטיקל צייט און שמועסן מיט'ן אייבערשטן, "בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת", וועט ער זען אז זאכן וועלן זיך אנהייבן ריקן, ער וועט ווערן נענטער צום אייבערשטן, "וְאַף אִם לִפְעָמִים הוּא רוֹאֶה שֶׁמְּקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ יָמִים וְשָׁנִים", און אפילו מען זעט ווי מען איז מקיים דעם הנהגה טעג און יארן, "וְאַף־עַל־פִּי־כֵן עֲדַיִן לֹא זָכָה לְהִתְקָרְבוּת כָּרָאוּי", און מען שפירט נאכאלץ ווייט, מען שפירט אז מען איז נאכאלץ נישט קיין ערליכער איד, "אַף־עַל־פִּי־כֵן יְחַזֵּק עַצְמוֹ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף יוֹעִיל לוֹ בְּוַדַּאי", דאך זאל ער זיך זייער שטארקן ווייל צום סוף וועט עס זיכער העלפן.

## רעד צום אייבערשטן

נעם די עצה פון רבי'ן, עס איז דאך אזא גרינגע זאך, דארפסט דאך גארנישט טון דערצו, וואו דו ביסט עפן אויף דיין מויל, רעד צום אייבערשטן, זאג: "רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד", "רבונו של עולם איך וויל דאווענען", "רבונו של עולם איך וויל לערנען", "רבונו של עולם איך וויל זיין פרייליך", "רבונו של עולם איך וויל זיין אפגעהיטן", יעדער איינער בעט זיינע זאכן אין וואס ער דארף

חיזוק, אין זיינע זאכן וואס ער שפירט ווי עס גייט אים נישט.

## תמימות

דאס קאסט נישט קיין געלט, דאס קאסט נישט קיין כח, איין זאך דארף מען יא האבן דערצו: "תמימות"; מען דארף האבן תמימות אויף דעם, ווייל ווען מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן קומט אריין אלע סארט מחשבות: **"איינער הערט מיך אויס?" "איינער דארף מיך?"** דער מענטש שפירט זיך אזוי דערווייטערט פונעם אייבערשטן, ער שפירט ווי ביי יעדן גייט עס נאר ביי מיר גייט עס נישט, יעדער איינער איז מצליח, יעדער איינער דינט דעם אייבערשטן, נאר איך בין אזוי ווייט, אבער אז מען טוט דאס בתמימות, קען זיך יעדער אנכאפן דערין, נישט קיין חילוק ווער דו ביסט און וואו דו ביסט.

## זאגט דער רבי ווייטער:

**"וְאָמַר: שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים"**, דוד המלך האט געמאכט דעם ספר תהלים פון זיין התבודדות; ספר תהלים דאס איז די התבודדות פון דוד המלך, **"וְאָמַר, שֶׁעִקַּר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ"**, דוד המלך האט זיך בעיקר מתבודד געווען אין בעט, **"בְּעֵת שֶׁשָּׁכַב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין"**, ווען ער איז געליגן אין בעט און זיך איבערגעדעקט מיט זיין דאכענע, **"אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**, דעמאלט האט ער גערעדט און געשמועסט זיין גאנצע הארץ צום אייבערשטן, **"כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תהלים ו, ז)**: אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי וְכוּ'"**, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "איך מאך יעדע נאכט שווימען מיין בעט אין מיינע טרערן, איך מאך צוגיין מיין בעט דורך מיינע טרערן", **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ"**, וואויל איז דעם וואס וועט מקיים זיין דעם הנהגה, **"הָעוֹלָה עַל הַכֹּל"**, וואס דאס איז העכער פון אלעס. **וְעַיֵּן בְּסֵפֶר "לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא" בְּדַף ל"ב** (מִסִּימָן

צג וְהָלְאָה) וְשִׂים לִבְּךָ לְכָל מַה שֶּׁנֶּאֱמַר שָׁם בְּעִנְיָן זֶה, וְתַרְגִּיל עַצְמְךָ לְקַיֵּם הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים שָׁם. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר בְּכָל פַּעַם שֶׁתִּזְכֶּה לִפְתֹּחַ פִּיךָ שֶׁתּוּכַל לִפְרֹשׂ שִׂחָתְךָ לְפָנָיו בֶּאֱמֶת:

## דאס איז העכער פון אלעס

דער רבי זאגט, אפילו דאס זעט אויס צו זיין זייער א פשוט'ע זאך, דאך איז עס העכער פון אלעס. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן יב, לויט ווי רבי נתן איז דאס מסביר באריכות אין ליקוטי הלכות, חלק אורח חיים, הלכות ראש חודש, הלכה ה, אות כט) אויפ'ן פסוק פון די וואכעדיגע סדרה (בראשית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה", די אויגן פון לאה זענען געווען פארוויינט און רחל האט געהאט א שיינע געשטאלט און א שיינע אויסזע, זאגט דער רבי אזוי, 'רחל' - דאס ווייזט אויף 'תורה שבעל פה', די בחינה פון 'עָלְמָא דְּאִתְגַּלְיָא' (עיין זהר חלק א', דף קנח), ווען א מענטש לערנט תורה, ווען מען לערנט א פרק משניות, ווען מען לערנט א בלאט גמרא, איז דאס 'יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה', אלע זעען דאס שיינקייט פון לערנען תורה און מען האט הנאה פונעם לערנען, מען פריידט זיך: "ברוך השם איך האב געלערנט תורה", ווידער 'לאה' - ווייזט אויף 'תפילה', די בחינה פון 'עָלְמָא דְּאִתְכַּסְיָא', וואס זי איז נישט געווען שיין אין מענטש'נס אויגן, ווייל דאס חשיבות פון תפילה איז פארהוילן פון א מענטש, ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן שפירט ער נישט ווי ער האט דא עפעס געטון, ער שפירט נישט ווי דאס איז אן עבודה פאר'ן אייבערשטן, ער טראכט: "וואס האב איך דען געטון, איך האב נאר געזאגט אפאר ווערטער צום אייבערשטן", אבער מען דארף גלייבן אין רבי'ן, דער רבי זאגט אז דאס איז העכער פון אלעס, און וואויל איז דעם מענטש וואס וועט דאס מקיים זיין.

## איז דא א וועג פאר דיר

די תורה דערציילט די וואך די מעשה פון יעקב אבינו, ווי ער איז געליגן אויף דער ערד ארומגענומען מיט שטיינער און האט זיך גע'חלומ'ט, זעענדיג פאר זיך א לייטער אויסגעצויגן פון דער ערד ביז צום הימל און מלאכים פונעם אייבערשטן גייען ארויף און אראפ אויף דעם. טייטשט דאס מוהרא"ש זכרונו לברכה אויס מיט מורא'דיגע התחזקות; 'יעקב אבינו' – דאס גייט ארויף אויף יעדן איינעם, א מענטש ליגט נעבעך אויף דער ערד, יעדער איינער דארט וואו דער יצר הרע ווארפט אים אראפ, יעדער איינער וואו ער דארף זיך מתגבר זיין, דארף ער וויסן עס איז דא א וועג פאר דיר ווי אזוי דו קענסט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, עס איז דא א וועג פאר דיר ווי אזוי דו קענסט אנקומען ביז'ן הימל, צו די העכסטע מדריגות.

## עס איז דא פאר דיר א לייטער

זיי נישט געפאלן ביי דיר אז דו ליגסט אויף דער ערד, דו ביסט אראפגעפאלן אין שלעכטע זאכן השם ישמרינו, עס איז דא פאר דיר א לייטער, עס איז דא פאר דיר שטיגן, עס איז דא פאר דיר א וועג אנצוקומען ביז'ן אייבערשטן, אז דו וועסט ניצן דעם לייטער וועסטו אנקומען צו די הויכע מדריגה פון "וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ (בראשית כח, יב)".

## ליגט אויף דער ערד

וואס איז דער לייטער? דאס איז די מויל (זוהר הקדוש השמטות, רסו ע"ב; עיין בעל הטורים סולם בגימטריא קול); אפילו א מענטש איז 'מֻצָּב אַרְצָה', ער ליגט אויף דער ערד, ער איז נעבעך פארשמירט מיט שלעכטע זאכן, ער איז אראפגעפאלן זייער ווייט, אויב נוצט ער זיין קול, ער האט דעם סולם, דעם לייטער, דעמאלט: "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", קומט ער אן ביזן הימל; אפילו מען איז אראפגעפאלן קען מען נאכאלץ ארויסגיין פון

די פלאנטער און אנקומען צום אייבערשטן.

## איך וויל באמת זיין גוט

אז דער מענטש זאגט פאר'ן אייבערשטן: "רבונו של עולם העלף מיך, איך וויל זיין גוט", וועט דאס אים ארויסשלעפן פון די פלאנטער וואו ער איז אריינגעפאלן. אבער דער יצר הרע ברענגט אריין בלבולים אינעם מענטש ער זאל טראכטן: "איך מיין דאס דאך נישט אמת'דיג, ווייל איך זאג דאס איבער יעדן טאג און איך טו ווייטער וואס איך טו", טאר מען זיך נישט לאזן צעברעכן פון די אלע מחשבות, זאג פאר'ן אייבערשטן: "רבונו של עולם איך זאג טאקע יעדן טאג אז איך וויל זיין גוט, אבער איך וויל באמת זיין גוט, קיינער גלייבט מיר נישט אז איך וויל זיין גוט, און איך אליינס גלייב שוין אויך נישט אז איך וויל זיין גוט, אבער באשעפער איך וויל באמת זיין גוט, וואס זאל איך טון אז איך קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט מיין יצר הרע, איך האב נאר איין עצה, די עצה פון רבי'ן, רעדן צו דיר און זיך בעטן ביי דיר אז דו זאלסט מיר מקרב זיין".

## אינדערפרי

דאס איז דאך אזא עצה, דער רבי האט צוגעזאגט: "סוֹף כָּל סוֹף יוֹעִיל לוֹ בְּוַדַּאי", צום סוף וועט דאס זיכער העלפן, לאמיר זיך מחזק זיין אין דעם הנהגה. א גאנצן טאג איז מען פארנומען מיט 'תפילה', מען בעט: "רבונו של עולם איך דארף דאס", "רבונו של עולם איך דארף יענץ", אבער מען מוז אויך טון דעם הנהגה פון 'התבודדות', פון זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן און טרעפן טענות אז דער אייבערשטער זאל מיך מקרב זיין צו אים; די בעסטע צייט דאס צו טון איז אינדערפרי, דעמאלט האט נאך דער מענטש אביסל ישוב הדעת, אויב מען שטייט אויף צייטלעך, יעדער איינער טוט עס וואו עס איז אים

באקוועם, אין צימער, אין קאר, אין בית המדרש אונטערן טלית אדער שפאצירנדיג אין גאס.

## נעם כאטש איין מינוט

יעדער איינער דארף זען ביי זיך "איך מוז פאלגן דעם רבי'ן", איך מוז נעמען א מינוט אין טאג צו רעדן צום אייבערשטן. באמת האט דער רבי געוואלט מען זאל זיך א גאנצן טאג מתבודד זיין, פון אינדערפרי ביז מען גייט שלאפן - זאל מען רעדן צום אייבערשטן, נאר וויבאלד דער רבי האט געזען אז ער קען דאס נישט פועל'ן האט ער געזאגט מען זאל כאטש מאכן א שעה התבודדות (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן צו), וואס טוט מען היינט אז מען קען שוין אויך נישט מאכן א שעה התבודדות? זאגט מוהרא"ש זכרונו לברכה: זאל מען כאטש מאכן פינף מינוט התבודדות; היינט דארף מען שוין אויך אראפציפן פון די פינף מינוט, פינף מינוט איז שוין אויך צו שווער, נעם כאטש איין מינוט.

## די גאנצע וועלט ליגט אים אין טאש

נעם א זייגער מיט זעכציג סעקונדעס, שטעל עס אראפ אויפ'ן טיש, לאז אפ דיינע חברים, לאז אפ דיין טעלעפאון, יעצט איז גארנישט דא, באלד וועסטו קוקן צי דו האסט פארדינט אויף די סטאקס; מענטשן האבן נעבעך נישט קיין איין מינוט מנוחה, די גאנצע וועלט ליגט אים אין טאש, אין זיין טעלעפאון, אמאל אויב מען האט געוואלט זען די נייעס פון די סטאקס וכדומה האט מען געדארפט גיין קוקן אין די צייטונגען, היינט דארף מען שוין נישט גיין אין ערגעץ, אלעס איז אין די טעלעפאן, דער מענטש האט נישט קיין איין מינוט מנוחה, יעדע רגע איז ער פארנומען מיט זיין טעלעפאן, ער קען זיך נישט מיישב זיין. לייג אלעס אין די זייט, לעש אויס דיין טעלעפאן פאר אפאר סעקונדעס און זאג: "רבונו של עולם וואס טו איך דא", "רבונו של עולם איך וויל

**דאווענען", "רבונו של עולם איך וויל לערנען", "רבונו של עולם איך וויל זיין אפגעהיטן".**

**און ווער עס וועט טון די הנהגה - זאגט דער רבי צו אז ער וועט ארויסגיין פון אלע זיינע פראבלעמען, ער וועט מצליח זיין.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.**